# MADRICH HAKASHRUS

# 5734

April-May, 1974

Vol. 1, No. 2

Published by the

**VAAD HAKASHRUS**

- ליינט און פאַרשפּרייט דעם מדריך הכשרות
- פאַר אַדוועטייזמענט רופט : 627-2373 פון 9 ביז 10:30 אין אָוונט
- מיר נעמען נישט אָן קיין אַדוועטייזמענט אויף אַ זאַך וואָס דאַרף האָבן אַ הכשר
- די שענסטע מתנה — שיקט אַריין אַ אַפּליקיישן פאַר נאָענטע

Annual Subscription $4.00

Non-Profit Org.
U. S. POSTAGE
**Paid**
Brooklyn, N. Y.
Permit No. 11517

בעזהי"ת

# מדריך הכשרות

## — ירחון דהתאחדות הקהלות —

כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים

ב"ה. חודש אייר־סיון ה'תשל"ד ◇ שנה א קונטרס ב' (כרך א)

בפיקוח מוה"ר **משה שטרן** שליט"א
הגאב"ד דקהלתנו קהל יסודי התורה (מלפנים אב"ד דעברעצין)

יוצא לאור בהשתתפות הרבנים והקהלות ולומדי תורה
דעיר רבתי ניו יארק

ווועד הכשרות
שע"י קהל יסודי התורה, ברוקלין, ניו יארק

פירות וירקות שלא יכשלו בתולעים, אבל בלחם — רבים המה הנכשלים, ובלחם מצויים התולעים יותר מבכל דבר בפרט בימי הקיץ. על כן צריכים מאוד להשגיח על המאפיות: א) שהנפה יהי׳ בו נקבים קטנים מאוד מאוד, ויש במקומות שקורים אותם מספר ארבעים שהם קטנים מאוד אז לא יוכלו לצאת התולעים. אבל אם הם יותר גדולים אז לא מהני שום נפוי שמנפים כי התולעים יוצאים דרך הנקבים. ב) שישגיחו על הצינורות הגדולים שמעבירים את הקמח לנקות אותם בכל פעם ששם מתקבצים התולעים רבים ואח״כ מועברים ללחם. ג) שינקו היטב כל החדרים בכל יום מקמחים וכן את הדפים שמונחים הלחמות. ד) שינקו היטב כלי הלישה וכל הכלים שמכניסים בהם הקמח והעיסות. ה) במקומות שמונחים השקים עם הקמח לנקות היטב שיהי׳ נקי שבאם אין נקיון מתקבצים התולעים ואי אפשר שלא יכנסו לתוך הלחם. ומאוד הי׳ טוב אם הי׳ אפשר להעמיד משגיח תמידי במאפיות ובנחתומים הגדולים שישגיח על כל זה להציל את אחינו בני ישראל מאיסור שרצים ר״ל, ונזכה אז להקרא עם קדוש.

(זה נדפס בירחון דאָס אידישע ליכט, כסלו־טבת תשל״ד)

טאָג טעגליך עסן מיר פאַרשידענע שפייזן און מען רעכנט נישט איבער

# וואָס נעמט מען אין מויל

כשר׳ע עסן, א כשר׳ער טיש — דאָס איז איינע פון די גרונט שטיינער פון יעדע אידישע הויז. ארומנעמענדיג א גרויסן טייל פון די מצות וועלכע די הייליגע תורה האָט אונז אָנגעזאָגט, איז עס געוואָרן איינגעוואָרצלט אין דעם בעוואוסטזיין פון יעדן אידן, און דאָס דערוויטערן זיך פון מאכלות אסורות איז פאַרקערפּערט געוואָרן ביי איהם אלס נאַטור.

לאָמיר זעהן וואָס עס שנייבט וועגן דעם דער „מסלת ישרים״: „יעדערער וואָס פאַרמאָגט שכל אין קאָפּ, דאַרף ביי איהם זיין גלייך א עסנווארג וואָס איז נישט כשר פונקט ווי עס וואָלט געווען א עסנווארג אָנגעפיהלט מיט גיפט. ווען עס וואָלט ביי א מענטשן פאַרגעקומען אזא זאַך, וואָלט ער דאָך געוויס דערפון נישט געגעסן, און אפילו אויב ער וועט נאָר האָבן א פאַרדאַכט אָדער א ספק דעריין, און טאָמער עו׳ וועט זיין לייכטזיניג, איז ער נישט מעהר ווי א נאַר, א שוטה. דאָס זעלבע ביי נישט קיין כשר׳ער עסן וועלכע איז גיפט פאַרן לייב און הארץ, ווער וועט זיך עס ערלויבן גרינגשעצן ביי א פאַל וואו עס איז דאָ אפילו א חשש איסור — אויב ער איז נאָר א בר דעת״...

אין לעצטן דור איז דער כשר׳ער טיש געשטעלט געוואָרן פאַר נייע פּראָבלעמען. די אלע אלטע אָנגענומענע זהירות׳ן זענען אין פיהל פאַלן נישט גענוג. מיר וועלן בעטראַכטן איין פּרט פון טאָג טעגליכן עסנווארג. די ברויט וואָס מיר עסן, וועלכע איז דער פונדאַמענט פון מענטשליכן שפייז. אין גאָר ווייניג הייזער באַקט מען נאָך היינט ברויט אָדער חלה אויף שבת. די ברויט וועלכע קומט אויף אונזער טיש ווערט געבאַקן אין די גרויסע בעקערייען

מאסנוויז, מיר ווען דאָ נישט באריהרן די אלע שאלות וואָס באלאנגען צו מען האָט אראָפגענומען תרומות און מעשרות, צו די מעהל אָדער די הייבן זענען נישט קיין שמיטה׳דיגע, אָדער צו מען האָט אראָפגענומען חלה פון די טייג. דאָס אלעס געהערט נישט צום עצם באקן, וועלכע ברענגען צו פאר־שידענע פראָבלעמען.

א. א מאסנהאפט באקעריי פון ברויט איז פארבונדן מיט האלטן גרויסע קוואנטומס מיט מעל און דערצו אויך א פארפלאָנטערטע מאשינעריע. גרויסע מאגאזינען מיט מעל און א שטענדיגער דורכגאנג אין דער מאשין ברענגט צענטער׳ס פון ווערים וואָס אפילו דאָס בעסטע איבערזיפונג קען זיך איבער דעם נישט באהערשן. דאָס אָנזאמלען זיך פון מעהל אין געוויסע ערטער פון די מאשינען זענען די בעסטע ערטער פאר ווערים און פון דאָרטן ביז צום ברויטל איז די וועג זייער קורץ. ווער עס איז נישט געניט קען זיך לאָזן איינרעדן און ארויסגעהן פון התפעלות פון אויסגעפוצטע מאשינען, און זיך לאָזן נארן אז די ריינקייט איז אויסגעצייכנט, און אז עס איז נישטאָ וואָס צו חושש זיין פון ווערים, אָבער דער פאקט איז אז אָן א שטארקע אויפמערקזאמקייט פון א ספעציאליסט, איז כמעט זיכער אז די ווערים געפינען דעם וועג צו די טייג. נישט איינמאָל הערן מיר וועגן געריכטן וואָס קומען פאר איבער בעקערייען ביי וועלכע מען האָט געפונען אין זייערע ברויט פרעמדע קערפערס.

ב. אלס הילף מיטל צום אויפגעהן פון די ברויט באנוצט מען זיך היינט אין די בעקערייען מיט א ספעצי׳עלן מאטריאל. ביי א אונטערזוכונג פון דעם דאָזיגן שטאָף האָט זיך ארויסגעוויזן אז דאָס ענטהאלט א געוויסן פראָצענט פעטס פון לעבעדיגע באשעפעני׳שן (חזיר). מען האָט אויך געטראָפן אין א בעקעריי וועלכע האָט זיך בענוצט מיטן מאטריאל אויף ברויט אויפגעהן וועלכע איז פאבריצירט געוואָרן פון... מענטשן׳ס האָר.

ג. די ארבעטער פון די בעקערייען פונקט ווי אין אנדערע פאבריקן זענען מערסטנס נישט קיין אידן, בעזונדער ווען עס האנדלט זיך וועגן נאכט ארבעט. דאן איז דאָ א אָרט צו חושש זיין אז די ברויט וואָס מיר קויפן איז ממש פת עכו״ם.

און מיט וואָס שמירט מען די ברויט כדי זי זאָלן בעקומען א גלאנץ? פון וואָס ענטהאלט דער מאטריאל? נישט איינמאָל טרעפט אז מען גרייט צו די ארבעט צו באקן מוצאי שבת אום שבת, דאן הויבט זיך אָן שאלות צו מען מעג עסן די ברויט.

לעצטנס, האָט דער געזונהייט ביוראָ באשטימט אז א געוויסער טהייל פון ירושלימער איינוואוינער נוצט נישט גענוג קיין מילך, א זאך וואָס ברענגט צו דאָס דער קערפער זאָל באקומען ווייניג קאלציום. האָט מען באשלאָסן אז אלע מעהל וואָס קומט קיין ירושלים זאָל מען דעריין ארייננמישן קאלציום. און פון וואָס איז דער קאלציום צונויפגעשטעלט, וואָס פאר א שטאָפן געפינען זיך אין איהם.

אויסער דעם, וועגן דעם קאלציום אריינמישונג אין די ירושלימער מעהל ווייסן מיר, און וואָס איז מיט אנדערע מאטריאלן וואָס מיר ווייסן נישט. עס איז דאָ א גענוגער חשש אז דער געזונטהייסט ביוראָ האָט נאָך אזעלכע באשלוסן און דער מעהל ענטהאלט . . .

דאָס אלעס נאָר אין בו־ויט. דער פשוט'ער און טאָג־טעגליכער שפייז און וואָס איז מיט אנדערע שפייזן, וויפיל שאלות און חששות אָדער איסורים געפינען זיך אין זיי, זענען מיר געגוג וואך צו קאָנטראָלירן יעדער עסנווארג וואָס פאר א מאטריאלן זיי ענטהאלטן, צו זיי זענען טאקע באמת כשר ? !